# אזהרה חמורה וועגין שמן קטניות אין פסח

אזוי ווי עס איז פאר אלע גוט באקאנט דער איסור פון ניצין קטניות אין פסח ווי אויך אויל פון קטניות (עיין שו"ת בית שערים ח'או"ח סי' רט"ו, תשו' זכרון י־ה־ודה ח"א סי' קל"ט תשו' יד יצחק ח"ג סי' ח', תשו' חלקת יעקב ח"ב סי' ע"א תשו' בית אבי ח"ב סי' י"א ועוד). ווילן מיר באמערקין אז דער אויל וואס איז גימאכט פון זרעוני פשתן — קאָטען סיד — איז אן ערנסטער חשש קטניות אין אויף פסח איז זיכער גלייך מחמיר צו זיין.

ווי אויך איז וויכטיג צו באַטאָהנען אז די השגחה וואס עס איז פארהאן אויף דעם אויל איז נאר משעת עשיי' אבער משעת קצירה וכתישה וואס דאס איז געמאכט דורך "פראקטאר אין געמבילס" איז דער פארבינדונג מיט זיי נאר דורך דעם טעלעפון אונד פראקטאר אין געמבילס זאגט אז שוין דריי יאהר וואס עס האט קיין משגיח נישט איבער געטראטין זייער שוועל.

אויך איז איצט אנדעקט געווארין אז אין חרדישע גראסערי'ס איז אנגעקומין אויל וואס איז גאר פון דער "פעדעראל־גאווערנמענט" סארפלוס אויל, וואס זי געבין אוועק פאר ארימע און קראנקע, צו פארטיילען צו זיי, איז לא די וואס דער אויל איז לגמרי אן א השגחה, נאר עס איז אויך א אפענע גניבה פון דער ממשלה, און מען האט אויף די רעגירונגס קענס, אויף וועלעכע עז איז בפירוש ארויפגעדרוקט אז דאס איז בלויז צום פארטיילען צו ארימע און קראנקע, בחנם לא כסף, און אויף די זעלבע קענס האט מען ארויפגעלייגט לייבילס מיט דעם הכשר פון דער "התאחדות הרבנים".

והאמת ניתן להאמר, אז כ"ק אדמו"ר מסיגעט־סאטמאר שליט"א האט מיט איינִיגע יאר צוריק ארויס געזאגט א איסור לפסח אויף דעם אויל, אויף דעם סמך וואס כ"ק זקנו הגאוה"ק בעל ייטב לב זצ"ל האט געאסרט שמן קטניות (זעה, תשו' בית שערים חאו"ח סי' רט"ו) אבער די "התאחדות הרבנים" האבען אים דעמאלס שטארק באקעמפט אויף זייער א מיאוס'ן אופן... אויך הרב הגאון מדעברעצין שליט"א האט אין איינער פון זיינע שבת הגדול דרשות געזאגט אז דער אויל איז נישט כשר לפסח.

צום אויספיהר ווילין מיר מעורר זיין אז אין אלגימיין האט מען שטענדיק געוויסט אז **פסח מישט מען זיך נישט** מיט די ווערטער האט א פראסטער בעל הבית זיך געקענט ארויס דרייען פון נישט עסין פסח אין שטוב פון א גאָהר עהרליכער בעל הבית אדער אפילו דער רב אין שטעטיל אליין.

דאס גייט אָהן אפילו ביי די אלע פארשידינער פראדוקטין אין הכשרים וואס מען פארלאזט זיך בדרך כלל אונד ווער שמוסט נאך בייא אזעלעכע קאמפליצירטע זאכין וויא אויל אין וויא נאך מיט די אויבין דערמאנטער אומשטענדין

**והשומר נפשו ירחק ממנו**

**ועד למען משמרת הכשרות בעיר רבתי נוא יארק יצ"ו**